# פרשת כי תשא

**בס"ד. התוועדות פורים ה'תשל"ב** **הנחה פרטית בלתי מוגה**

ער דערציילט אין מדרש, אז מרדכי האט צוזאמענגעקליבן כ"ב אלף – צוויי און צוואנציק טויזנט – אידישע קינדער, און וואס זיי ווערן אנגערופן "תינוקות", דאס הייסט **קליינע** קינדער, און ער האט זיך אוועקגעזעצט מיט זיי לערנען תורה.

און דאס האט אויפגעשטורעמט למעלה, אז עס זאל ווערן דער "נדדה שנת מלכו של עולם", און דאס איז געווארן דער "**עיקרו** של נס" און "**תקפו** של נס", אז ניט נאר ס'איז בטל געווארן די גזירה, נאר ס'איז געווען דער "**ונהפוך** הוא", אז ס'איז געווען דער "אורה ושמחה וששון ויקר", ביז "ורבים מעמי הארץ מתייהדים".

וואס ווי געזעדט פריער, יעדער פרט אין מגילה לערנט אונז פון דעם "נזכרים", אז מ'דערמאנט זיך אויף דעם פרט – זאל דאס אראפקומען אין "ונעשים", אז מ'זאל וויסן וואס מ'האט צוטאן **דעם** פורים און אויף מארגן **נאך** פורים], און אזוי מדור לדור, ביז "וזכרם לא יסוף מזרעם",

און דאס איז, אז צום אלעם ערשטן, אט ווי דער מעמד ומצב זאל ניט זיין – דארף מען זען, אז וואו נאר ס'איז דא א אידישער קינד זאל ער זיצן און לערנען תורה.

און אפילו אז ס'איז דא אט דער וואס ער איז א ראש פון סנהדרין, וואס דאס איז געווען מרדכי הצדיק בזמנו; אפילו ווי דערנאך וואס ער איז געווארן אין **סנהדרין** אבער **ניט דער ראש**, אבער עכ"פ אין סנהדרין,

און ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס ער איז געווען "בשער המלך", ער איז געווען איינער פון די יועצי המלכות פון אחשורוש'ן, וואס דאס איז געווען נוגע צו דער גאנצער וועלט פון "מאה ועשרים ושבע מדינה",

איז דאך לכאורה וואלט דאך געווען גענוג ווען ער דינגט א מלמד, אז דער מלמד זאל לערנען מיט די תינוקות, וואס "תינוק" איז דער טייטש א קינד וואס ער איז נאך פאר בר-מצוה, און **נאך** אינגער, איז דאך פארשטאנדיק, אז מ'האט ניט געדארפט אנקומען צו מרדכי'ס **לומדות**, פון איינעם וואס ער איז אין סנהדרין, עאכו"כ פון **ראש** אין סנהדרין,

וועט ער זיך גיין פארנעמען מיט קליינע קינדער אויף לערנען מיט זיי תורה?!

דערציילט די מגילה, אז **איפכא מסתברא**: אט דאס וואס אסתר האט דערנאך מצליח געווען מיט איר השתדלות ביי אחשורוש'ן; אט דאס וואס מרדכי האט מצליח געווען אז אסתר האט זיך געפירט ווי מרדכי האט איר אנגעזאגט; אט דאס וואס ס'איז געווארן דער "ונהפוך הוא", איז "**עיקרו** של נס" און "**תוקפו** של נס" באשטאנען אין דעם וואס מרדכי האט זיך ניט געזוכט תירוצים אז ער איז א גרויסער ראש-ישיבה, שטייט אים ניט אן האבן צוטאן מיט קליינע קינדער; אט דאס וואס ער איז א גרויסער עסקן ציבורי – וואס הייסט ער וועט זיך פארנעמען מיט א תלמוד-תורה און מיט א קליינעם בית-ספר און מיט תינוקות של בית רבן – ער איז א גרויסער מענטש און אן אים הענגט אפ די גאנצע וועלט –

איז דורך וואס האט מרדכי דערנאך מצליח געווען אין זיין פעולה מיט זיין רעדן מיט אסתר'ן, און אסתר דורך איר השתדלות ביי אחשורוש'ן – איז די התחלה געווען אין דערויף וואס מרדכי האט צוזאמענגעקליבן און האט מציל געווען של בית ישראל אז זיי זאלן ווערן "תינוקות של בית רבן"

און ערשט דערנאך, פון דעם **עיקר** –איז דערנאך אויסגעוואקסן די אלע תוצאות, ביז דעם נס כפשוטו.

וואס דאס איז אויך אן אפלערנונג בנוגע לחיי יום-יום – היינטיקן פורים, און "שושן-פורים", און דערנאך כל הימים הבאים לאחרי זה;



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת כי תשא

אז ער וועט טענה'ן אז ער וועט פארנומען, און וואס הייסט מ'טומלט אים וועגן אן ענין פון חינוך פון קליינע קינדער אויף דערויף איז גענוג אז מ'זאל רעדן מיט זיין **שמש**, און ער וועט אים הייסן מ'זאל מאכן דעם "אפילו" האט ער שוין "אני את שלי עשיתי" –

זאגט מען אים: ניין! כל זמן ס'איז דא א קינד וואס האט ניט קיין מלמד – איז אט דעמולט האסטו קיין ברירה ניט; זעץ זיך אליין אוועק און לערן מיט עם קינד!

איי וואס ער איז א **תינוק** און דו ביסט א **ראש סנהדרין** – איז **כבר הי' לעולמים**; אזוי האט געטאן דער ראש סנהדרין בזמן שבית המקדש הי' קיים.

וואס דאס איז, כאמור, דער ענין וואס דאס איז ווי גערעדט פריער:

בשעת מ'לאזט רח"ל א **קינד** שלאפן לענגער, און עס פעלט דער "חנוך לנער על פי דרכו", כל זמן ער איז נאך א "**נער**" – איז אט דעמולט ווייס מען ניט צי מ'וועט דערנאך קענען דאס צוריקכאפן!

וואס דא איז אפילו בשנים **כתיקונם**;

אין אונזערע צייטן, וואס מ'זעט די רוחות הנושבות בחוץ,אז מ'קוקט-אויס אויף יעדער קינד איז דא אזוינע וואס ווילן אים כאפן, דער אויף **לינקס** און דער נאך **ווייטער** פון לינקס וכו' וכו' –

איז רעכט אז מ'וועט לאזן א פאר מינוט "שלאפן" דעם קינד; אז מ'וועט לאזן א פאר מינוט "שלאפן" די עלטערן, אדער מ'וועט זיך רעכענען אז טאמער וועלן זיך די עלטערן פילן **געטראפן** – האט ער מורא עפעס צו טאן אז דער קינד זאל באקומען א חינוך על טהרת הקודש –

איז רעכט אז אין א רגע לאחרי זה, א טאג נאך דערויף – וויס מען ניט צי ער וועט קענען צוקומען צו דעם קינד, צי וועט ער האבן צו וועמען צו רעדן, צי יענער וועט שוין ניט זיין קיין "שבוי" אין א מחנה אחר!

און ווי גערעדט **לאידך** גיסא איז מען בטוח, אז אויב **מ'וויל** נאר טאן, איז דעמולט איז א זיכערע זאך, אז אפילו אט די וואס רח"ל "השתחוו לצלם"; אפילו אט די וואס רח"ל "נהנו מסעודתו של אותו רשע" – איז ניט נאר אז זייערע **קינדער** זאלן לערנען תורה, און זיי וועלן ניט נאר **ניט שטערן** אין דעם, נאר נאך זיין **צופרידן** און **גליקלעך** דערפון –

און ס'וועט זיין דער ענין פון "וזכרם לא יסוף מזרעם", אז דאס וועלן גיין די עלטערן מיט די קינדער **צוזאמען**,

ביז בקרוב ממש גיין לקבל פני משיח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה, בשמחה ובטוב לבב.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.